בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## חג הסוכות

פה קרית טאהש יצ"ו
ע"י וועד להוצאת דא"ח מאת רביה"ק זי"ע

להשיג הקונטרס או לנדב יש לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש ני"ו**

**438-920-4312**

## בסעודות חול המועד

## אושפיזא דיעקב בסעודת היום

**- א -**

**פאר** תקיעת שופר זאגן מיר דעם פסוק, **ידבר עמים תחתנו**, דער אייבערשטער זאל פירן די פעלקער אונטער אונז, **ולאומים תחת רגלינו**, יבחר לנו את נחלתנו, ער זאל פאר אונז אויסוועלן א נחלה, **את גאון יעקב**, דער בית המקדש השלישי ווערט אנגערופן גאון יעקב, ווייל עס איז קעגן יעקב אבינו, דער דריטער פון די אבות, **אשר אהב סלה**, וואס דער אייבערשטער האט ליב אויף אייביג, אלץ וואו ס'שטייט סלה נצח ועד, איז עס טייטש, אז די זאך האט נישט קיין סוף, ס'איז נצחיות, בלי גבול, דער בית המקדש השלישי וועט שוין בלייבן אויף אייביג. און דער כלל איז, אז יעדע זאך וואס האט נישט קיין סוף, האט אויך נישט קיין אנהייב, דער בית המקדש וואס וועט שטיין סלה, האט טאקע נישט קיין אנהייב אויך נישט, ווי די גמרא זאגט (פסחים נד.), אז ס'איז פון די שבעה דברים וואס זענען געווען נאך איידער די וועלט איז באשאפן געווארן.

**קומט** אויס, שטייט דא אין פסוק, אז דער רבוש"ע האט ליב דעם בית המקדש השלישי, פון אייביג און ביז אייביג, ס'איז נישטא א צייט וואס מ'טראכט נישט אויבן פונעם בית המקדש. און ס'איז נישטא א צייט וואס מ'בויעט עס נישט, מ'זאגט יעדן טאג אויף דעם א ברכה, ברוך אתה ה' בונה ירושלים, א לשון הווה, און אזוי מצמיח קרן ישועה, אלעס א לשון הווה, ס'איז נישט קיין ברכה לבטלה, ווייל ס'ווערט טאקע שטענדיג געבויעט ירושלים, און ציון. נאר וואס דען, ס'דויערט, ס'גייט נישט אויף איינמאל, עס בויעט זיך אלץ נאך און נאך, דורך אונז, מיט וואס יודן טוען, בויען זיי דעם בית המקדש. יודן טוען דינען דעם אייבערשטן אין גלות, מ'לערנט כסדר די תורה, און מ'איז מקיים די מצות מיט שמחה, מיט דעם בויעט מען עס. א זאך וואס א יוד טוט מיט שמחה הייסט געטון, בשמחה איז טייטש ער טוט עס מיט א רצון, דאס וואס א מענטש טוט מיט געוואלד, איז זייער א קליינע זאך, קוים וואס ס'האט עפעס א חלק אין די קדושה, דער עיקר תורה ומצות איז, דאס וואס ווערט געטון מיט שמחה און רצון, דאס בויעט דעם בית המקדש.

**ממילא** דארף מען אין די אושפיזא דיעקב, עקסטער נתעורר ווערן, מ'זאל צוהעלפן, אז דער גאון יעקב זאל שוין געבויעט ווערן, יעקב אבינו רייסט איין אויף דעם, ער האט צוגענומען א וי"ו פון אליהו הנביא, אלץ א משכון, ער זאל קומען מבשר זיין די

גאולה, ווילאנג ער קומט נישט מבשר זיין די גאולה, גיט ער אים נישט צוריק דעם וי"ו, אזוי ברענגט רש"י (ויקרא כו מב), ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר יודנ'ס וועגן, זיי זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן. און יעצט קומט ער אין די סוכה אריין, מיט אלע אושפיזין צוזאמען, דארף מען נתעורר ווערן מ'זאל צו העלפן צו דעם, צו בויען דעם בית המקדש, דעם גאון יעקב אשר אהב סלה.

- ב -

**כאטש** אונז זעה מיר נישט די אושפיזין, ווי זיי קומען, גלייבן מיר אבער אז זיי זענען דא, זיי לייכטן ארויף, וויפיל זאכן זענען דא וואס דער מענטש זעהט נישט, אבער ער שפירט עס, א מענטש שפירט אין א געוויסע זמן אדער א געוויסע פלאץ, אז ס'לייכט דעמאלטס דארט א כח הקדושה, ער איז מקבל דערפון א שטארקקייט, א חיות, אפילו ער זעהט עס נישט. אפילו בגשמיות זענען דא זאכן, וואס דער מענטש ווייסט נישט פון וואנדעט דאס איז, אבער ער שפירט עס, א מענטש קען שפירן אויף איינעם, אז ער איז אים געטריי, אדער פארקערט, אז ער וויל אים חלילה שלעכטס טון.

**דער** הייליגער בארדיטשוב'ער זי"ע זאגט (קדו"ל בשלח), אז ווען א מענטש שפירט זיך דא אונטן גוט, איז א סימן אז מ'רעדט אויף אים אויבן גוטס, ער שפירט עס. ער זאגט עס לגבי קריעת ים סוף, ס'שטייט דארט אין פסוק סוס ורוכבו רמה בים, און מרכבות פרעה וחילו ירה בים, פשוט איז טייטש רמה, אראפגעווארפן, און ירה אויך אזוי, נאר ס'זענען געווען מדרגות אינעם פאלן אליין, די מער ערליכע זענען געפאלן גראד אריין, דאס איז על פי פשטות. דער הייליגער בארדיטשוב'ער טייטשט, ס'איז א לשון פון התרוממות, די מצרים זענען געווארן דערהויבן ביי זיך, פארוואס, ווייל דער שר של מצרים האט זיך דעמאלטס אנגענומען פאר זיי, ער האט געטענה'ט הללו והללו עובדי ע"ז (שמו"ר כא ז). פארוואס האט דער אייבערשטער געמאכט דאס, אז דער שר זאל אזוי טענה'נען, ווייל דער טבע פונעם מענטש איז, אז ווען מ'רעדט אויבן גוטס אדער שלעכטס אויף אים, שפירט ער עס אונטן, האבן די מצרים געשפירט אז מ'נעמט זיך אן פאר זיי אויבן, דאס האט זיי געגעבן די התרוממות, זיך צו שפירן שטארק צו לויפן אין ים אריין, ווען נישט דאס, וואלט זיי נישט בייגעפאלן צו טון אזא זאך, זיי האבן דאך שוין געזעהן די אלע נסים וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר די יודן, ביי אלע מכות אין מצרים, וואלטן זיי מורא געהאט אריינצוגיין, נאר ווייל דער שר האט זיך אנגענומען פאר זיי, האבן זיי פון דעם באקומען א התרוממות, אויף דעם האבן די יודן געלויבט סוס ורוכבו רמה, אז דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן אין זיי א

התרוממות, און דורכדעם בים, זענען זיי אריין אין ים, און אזוי ירה, איז אויך א לשון פון התרוממות, בים, כדי זיי זאלן אריין אין ים.

**זעהט** מען פון דעם, אז א מענטש שפירט אמאל א זאך, אפילו ווען ער זעהט עס נישט, אזוי אויך דאס וואס די אושפיזין קומען, כאטש מ'זעהט זיי נישט, שפירט מען אבער אז זיי זענען דא, און אז ס'איז די אושפיזא פון יעקב, שפירט מען דעם כח פון יעקב מער, יעקב איז דאך דער שורש פון אלע נשמות ישראל, כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו, און דער יום טוב סוכות בכלל איז קעגן יעקב, פסח איז קעגן אברהם, שבועות קעגן יצחק, און סוכות איז קעגן יעקב, ס'איז מרומז אין פסוק, ויעקב נסע סכותה, ולמקנהו עשה סוכות.

**איז** יעצט די צייט, מ'זאל זיך מתבונן זיין וואס יעקב וויל, יעקב אבינו וויל דאך זייער די גאולה, און דער אייבערשטער ווארט זייער, ער האט זייער ליב דעם בית המקדש, ער קוקט אויפן מקום המקדש, איז דאך אלעם זייער גוט, ס'איז זייער א שיינע זאך, דער אייבערשטער וויל עס, און יעקב וויל עס, איז דאך אלעם גוט, ווער האלט עס צוריק. ס'ווענדט זיך אבער אין אונז, מ'ווארט אויף אונז, אונז דארף מיר עס בויען, ווי דער פסוק זאגט ועשו לי מקדש, דער אייבערשטער פארלאנגט, ועשו, יודן זאלן זיך מאכן, לי מקדש, פאר מיר פאר א מקדש, ושכנתי בתוכם, איך זאל קענען רוען אין זיי, יעדער יוד דארף ממשיך זיין די השראת השכינה אין זיך, מיט דעם בויעט ער זיין חלק המקדש, און פון אלע חלקים צוזאמען וועט געבויעט ווערן דער מקדש הכללי, די שכינה רועט היינט אויך אין יעדן יוד, און אין בית המקדש וועט רוען די שכינה מיט אן אור גדול, מיט א גרויסן כח, ס'וועט לייכטן פון דארט אין אלע וועלטן, דאס דארף מען יעצט ממשיך זיין, אין די אושפיזא פון יעקב.

- ג -

**און** יעדער יוד האט אין זיך דער כח פון יעקב, און פון ישראל אויך,ביידע נעמען זענען געבליבן אויף אייביג, כאטש דער אייבערשטער האט אים געזאגט כי אם ישראל יהיה שמך, זאגט די גמרא (ברכות יג.), אז דער נאמען יעקב האט מען נישט אוועקגענומען. פארוואס, ווייל יעקב ווייזט אויף די מדה פון עקב, ענוה, און ענוה מוז אלץ זיין, ישראל איז טאקע א גרעסערע מדרגה, לי ראש, דאס ווייזט אויף די מוחין שבראש, אבער מ'דארף נאך אלץ האבן די בחינה פון עקב, ווייל אלעם האלט זיך אויף ענוה, ענוה איז די בחינת רגל, דער קאפ איז טאקע דער עיקר מענטש, אבער ארומגיין קען נישט א מענטש אן די פיס, די רגל האלט אלעם.

**אויף** די רְגָלים שטייט אויך אזוי, אז לעולם די השפעה פון יעדן יום טוב קומט פונעם שבת, שבת איז דער ראש פונעם יום טוב, שבת איז תחלה למקראי קודש, איז דאך שבת גרעסער, פונדעסטוועגן מוז זיין דער רגל אויך, פארדעם הייסט עס רגלים, ווייל די גאנצע יאר שטייט אויף דעם. אזוי איז אויך די בחינת יעקב, די בחינת ישראל איז טאקע א גרעסערע מדרגה, מ'דארף אבער האבן די בחינת יעקב אויך, ווייל די גאנצע יודישקייט האלט זיך אויף ענוה.

**יוסף** הצדיק איז אויך די בחינה, ער איז מדת יסוד, דער יסוד איז דער פונדאמענט וואס האלט אלעס, אלע מדות ווערן נכלל אין יסוד. אזוי ווי יעקב איז כולל אלעס, יעקב איש תם, ער איז די שלימות, ער נעמט צוזאמען די מדה פון אברהם און יצחק, און ער איז כוללביידע, אזוי איז יוסף כולל אלע מדות, יעקב און יוסף זענען טאקע געבינדן אינאיינעם, תפארת מיט יסוד גייען צוזאמען, ווי דער זוה"ק זאגט אלץ דאס לשון (ח"ג רכג: ועוד) גוף וברית חשבינן חד, גוף מיינט די מדה פון תפארת, תפארת גופא, און ברית איז די מדה פון יוסף, ס'גייט אינאיינעם, יעקב איז דער שורש פון יוסף, יוסף האט פון אים געלערנט, כי בן זקונים הוא לו, זיין גאנצער כח האט יעקב איבערגעגעבן פאר יוסף.

- ד -

**על** כל פנים דאס איז אלעס טיפע זאכן, וואס ס'איז אלץ דא אין די מדה פון יעקב, דער עיקר תכלית פון דעם אלעם, איז ווי מ'האט גערעדט, מ'זאל פארשטיין ווי ווייט מ'דארף ארויסהעלפן, מ'זאל בעטן, מ'זאל אינזין האבן, וואס מ'קען צוהעלפן יעקב, ער זאל קענען ברענגן די גאולה. ס'איז א גרויסער ענין, דאס וואס מ'זיצט חסידים צוזאמען, מ'גיט מיט דעם כבוד פארן יום טוב, מועד איז אויך א לשון פון אסיפה, ס'איז א לשון פון באהעפטונג, פארזאמלונג, כי הנה המלכים נועדו יחדיו, יום טוב הייסט מועד, און חול המועד הייסט עקסטער אזוי, מ'זאגט א גוטן מועד, ס'איז עקסטער א צייט פון זיך באהעפטן.

**איז** א גרויסער ענין אז מ'זיצט צוזאמען, אפילו מ'ווייסט נישט פונקטליך פארוואס, מ'ווייסט אבער אז מ'קומט ווייל מ'וויל זיצן צוזאמען, מ'וויל צוזאמען זיך באהעפטן צום אייבערשטן, מ'ווייסט אז דער אייבערשטער וויל מ'זאל זיך באהעפטן צו אים, מ'זאל האבן א השגה צו אים, מ'זאל זוכן אים צו קענען, ווי מ'זאגט אין די טעג, למען דעת כל עמי הארץ, מ'זאל אנערקענען כי ה' הוא האלקים, אלקים איז דאך טייטש, אז ער איז דער תקיף ובעל היכולת ובעל הכחות כולם, דאס זאל מען אנערקענען, אז דער אייבערשטער איז אלעם, ס'איז נישטא עפעס אנדערש. דאס איז די מצוה פון יחוד ה',

וואס א יוד דארף מקבל זיין יעדן טאג און יעדע נאכט, ווען ער ליינט קריאת שמע, ס'זענען דא אין דעם טיפע ענינים, ווי אזוי צדיקים גיבן דאס אהער, צו פארשטיין דער ענין פון יחוד ה', אבער בקיצור איז עס טייטש, מ'זאל וויסן אז דער אייבערשטער איז דער אחד הפשוט, נאר דער איינציגער באשעפער איז דא, און מער איז נישטא, אפס זולתו, וואס הייסט ס'איז נישטא, ס'זענען דאך דא וועלטן און ברואים עד אין מספר, דאס אלעס איז אבער דא נאר מיטן כח פונעם איינציגן באשעפער, ער איז מחיה את הכל ומהוה את הכל, אן אים איז אלעם אין ואפס.

**אז** דער מענטש ווייסט דאס, און גלייבט דאס, טראכט ער, וואס קען איך טון פארן אייבערשטן, וואס קען איך געבן פארן אייבערשטן, נישט נאר געלט, אז מ'האט געלט קען מען געבן געלט, דאס ווייסט מען, דאס קען מען מיט די הענט געבן, אבער דער עיקר איז, דער מענטש זאל זיך אליין אוועקגעבן, יעדעס אבר זיינע זאל ער איבערגעבן פארן אייבערשטן, אז דער מענטש באהעפט זיך צום אייבערשטן, זעהט ער אז ער קען מיט יעדעס אבר טון דעם רצון הבורא, מיט יעדן אטעם קען ער זיך באהעפטן צום אייבערשטן.

**און** די מצוה סוכה לייכט אויף אריין, מ'זאל קענען שפירן דעם אייבערשטן, סוכה איז א לשון פון זעהן, שרה האט געהייסן יסכה, ווייל זי האט געזעהן, שהיתה סוכה ברוח הקודש, אויף דעם איז די סוכה מסוגל, מ'זאל קענען זעהן דעם אייבערשטן, דאס הייסט מ'זאל פארשטיין גוט וואס דער אייבערשטער פארלאנגט, וואס מ'קען טון פארן אייבערשטן, וואס מ'קען טון פאר די בנין העולם, פאר די תיקון השלם, ס'זאל געבויעט ווערן דער בית המקדש, ציון זאל געבויעט ווערן, כלל ישראל זאל צוריקקומען אל מקומה, יעדער ברויך טאן צו דעם. און אז מ'ווייסט נישט וואס און ווי אזוי, דארף מען זוכן, אזוי ווי א מענטש זוכט פרנסה, ווייסט ער נישט וואס ער קען טון, ער גייט זוכן ביז ער טרעפט, ער פרובירט דאס, פרובירט יענץ, אזוי דארף א יוד זוכן ווי אזוי ער קען מהנה זיין דעם אייבערשטן. פרנסה איז טייטש מ'גיט תענוג פארן אייבערשטן, אזוי ברענגט דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע אליץ (קדו"ל ויחי ועוד), פון זיין רבין דער מגיד פון מעזריטש זי"ע, אז פרנסה איז טייטש תענוג, דאס טייטש ישראל מפרנסין לאביהם שבשמים, יודן גיבן תענוג פארן אייבערשטן.

**די** פרנסה דארף יעדער מענטש זוכן, ווי אזוי ער קען געבן תענוג פארן באשעפער כביכול, ער זאל טראכטן פון דעם, און עס וועלן, און די מחשבה אליין וועט דער אייבערשטער אננעמען לרצון, עס מצרף זיין למעשה. ווי מ'זאג מיר אין די הייליגע טעג אליץ, אמרינו האזינה ה' בינה הגיגנו, הגיגנו איז טייטש אונזער טראכטן, אז א יוד טראכט, ער האט מחשבות וואס ער קען עפעס טון פארן אייבערשטן, ווי אזוי ער קען

טון רצון הבורא, טראכט דער אייבערשטער כביכול צוריק, ווי אזוי ער קען עפעס טון פאר יודן, מיט דעם כח איז מען ממשיך די ישועה, ס'זאל שוין קומען, מ'זאל שוין זוכה זיין לישועתן של ישראל בכלל ובפרט, ס'זאל זיין א שנת אורה ושמחה, שלום ושלוה והשקט ובטח, מ'זאל קענען דינען דעם אייבערשטן מיט אסאך שפע, מיט די כח פון די אבות און אלע אושפיזין, כמו שנתברכו אבותינו אברהם יצחק ויעקב בכל מכל כל, כן יברך אותנו כולנו יחד בברכה שלימה ונאמר אמן. (תש"ג)

---

## אושפיזא דמשה בסעודת הלילה

### - א -

**די טעג וואס מ'זיצט אין די סוכה, מיט די אושפיזין אינאיינעם, זענען טעג פון אהבה,** רחם ארחמנו נאום ה', רחם איז טייטש אהבה, רחימו, דער אייבערשטער שיקט אריין מ'זאל שפירן אין די טעג די אהבה פון אייבערשטן, און צום אייבערשטן. סוכה איז אן ענין פון השראת השכינה, מיט גרויס אהבה צו יודן, איז דער אייבערשטער משרה די שכינה, ער גיט אונז צו שפירן מאור זיו שכינתו.

**אויף** א בית לייגט מען א מזוזה ביים טיר, דאס איז די השראת השכינה פונעם בית, מזוז"ה איז בגימטריא די שם אדנ"י, אדנ"י איז די שכינה. סוכה איז אבער א שם הוי"ה אויך, ס'באטרעפט ביידע שמות, ס'איז מאיר דערין הוי"ה מיט אדנ"י, און נישט נאר ביי די טיר, די גאנצע סוכה איז איין גרויסע שַיין פון השראת השכינה. איז דאס א געוואלדיגע מתנה, דער יום טוב סוכות. אינעם פייט אויף סוכות וואס מ'זאגט אין די ערשטע טעג, קען מען אביסל זעהן, ער רעדט דארט ארויס זייער שטארק די גרויסקייט פון מצות סוכה, אז דאס וועט לעתיד זיין די ערשטע מצוה, מען וועט געבן די מצות סוכה, און יודן וועלן זיצן בסוכת עורו של לויתן, בסוכת חי וקים נורא מרום וקדוש, און דער בית המקדש ווערט אויך אנגערופן סוכה, ווי ס'שטייט ויהי בשלם סוכו, און אין די סוכה היינט זענען מאיר די אלע כחות פון דעמאלטס, ס'איז מעין יענע סוכה.

**און** די אושפיזין קומען אין די סוכה אריין, די אבות און אלע שבעה רועים, זיי שיינען און לייכטן אריין, זיי געבן אריין די כח פון די שבעת המדות, יעדן טאג ווערט נמשך נאך אן אור פון די זיבן מדות. אזוי ווי די בנין העולם איז געווען אין זיבן טאג, שבעת ימי הבנין, אזוי דורך די שבעת ימי החג ווערט געבויעט א נייע וועלט, זיבן איז א בנין שלם. מ'זעהט ביי ברכת המזון, אויב ס'זענען דא שבעה אוכלי פת, קען מען שוין זאגן אלקינו, מ'קען שוין בענטשן אזוי ווי מיט מנין. ביים דאווענען זעהט מען אויך, כאטש ס'ברויך צו זיין צעהן, אבער אויב ס'זענען דא ששה מתפללים, קען מען שוין

זאגן אלע דברים שבקדושה, ווייל דער עיקר פון די מדות זענען די זעקס, די בריאת העולם איז געווען אין זעקס טעג.

**יעצט** האלטן מיר ביים פערטן טאג, אושפיזא דמשה, משה רבינו איז דער שורש פון די תורה, זכרו תורת משה, און יעקב אבינו איז אויך דער שורש פון די תורה, ווי ס'שטייט אין תיקו"ז הק' (כט.), אז יעקב איז דעת מלבר און משה דעת מלגאו, ס'איז הויכע זאכן צו פארשטיין דאס, די שייכות פון יעקב מיט משה. יעקב אבינו איז נולד מהול, און משה רבינו אויך. יעקב איז דער ממוצע, תפארת איז עמודא דאמצעיתא, ס'איז כולל אלע מדות צוזאמען, און משה רבינו איז אויך דער ממוצע, ווייל פון די זיבן איז ער דער פערטער, ער איז אינמיטן, איז ער כולל אלע.

**קומט** אויס, אז ס'ווערט נתעורר היינט דער כח פון די תורה, וואס איז געגעבן געווארן דורך משה רבינו, קודם האט דער אייבערשטער געוואלט געבן אלעם דורך משה, ס'זאל זיין משה ידבר והאלקים יעננו בקול, שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, נאר יודן האבן געבעטן זיי ווילן הערן פון אייבערשטן אליין, רצוננו לראות את מלכנו. די גמרא אין מסכת שבת זאגט (פז.), אז דער סדר איז געווען אזוי, אינעם דריטן טאג פון סיון בהשכמה, האט דער אייבערשטער געזאגט (פסוק ט) הנה אנכי בא אליך בעב הענן, בעבור ישמע העם בדברי עמך, איך וועל געבן די תורה דורך דיר, און צוזאמען מיט דעם האט ער געגעבן דעמאלטס מצות הגבלה, אזוי לערנט דארט די גמרא ארויס פון די פסוקים. משה רבינו איז אראפגעגאנגן, עס איבערגעזאגט פאר די יודן. אינעם פערטן טאג בהשכמה איז ער צוריק ארויף, ויגד משה את דברי העם אל ה', אז זיי זענען מקבל מצות הגבלה, און אז זיי ווילן הערן פונעם אייבערשטן אליין, רצוננו לראות את מלכנו, האט דער אייבערשטער געזאגט (פסוק י) לך אל העם וקדשתם, ער האט געגעבן מצות פרישה.

**פרעגן** די מפרשים אויף דעם, לכאורה וואלט מען געדארפט געבן מצות פרישה פריער, ווייל הגבלה איז געווען נוגע ערשט בשעת מתן תורה, און פרישה האט מען דאך שוין געדארפט אנהייבן, דאס איז איין הערה. נאכדעם איז שווער, וואס דער אייבערשטער האט געזאגט שפעטער פאר משה רבינו (פסוק כא), גיי זאג זיי אן נאכאמאל מצות הגבלה, משה רבינו האט געזאגט איך האב זיי שוין געזאגט, האט דער אייבערשטער געזאגט, גיי נאכאמאל, חוזרין ומזרזין בשעת מעשה, וואס איז דער טעם פון דעם.

**האב** איך געזעהן א הסבר אויף די זאך, אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן מצות הגבלה, האט דאך געהייסן אז דער אייבערשטער וועט רעדן דורך משה, בעבור

ישמע העם בדברי עמך, האט מען נישט געדארפט מאכן קיין פרישה, נאר הגבלה. נאר אזוי ווי יודן האבן געוואלט הערן פון אייבערשטן אליין, אויב אזוי מוזן זיי שוין מאכן פרישה, פארדעם איז פרישה געגעבן געווארן הערשט נאכדעם. יעצט האבן זיי געקענט קלערן, אז דאס וואס מ'האט געדארפט פריער הגבלה, איז געווען ווייל ס'איז נישט געווען קיין פרישה, אבער אז מ'האט זיך פורש געווען, קען מען שוין אפשר צוגיין נאנט, דארף מען שוין נישט הגבלה, האט דער אייבערשטער געזאגט גיי נאכאמאל ווארענען, אז כאטש מ'האט געמאכט פרישה טאר מען נישט צוגיין נאנט.

**דאס** איז איין פשט אין די זאך, איין הסבר, אין יעדע זאך זענען דא נאך און נאך טעמים און פירושים, וואס משה רבינו האט געזאגט פארן אייבערשטן, און וואס ער האט איבערגעזאגט פאר יודן, ווי אזוי ס'איז געווען דער גאנצער סדר ביז מתן תורה, און נאך מתן תורה, אויב מ'האט אביסל א השגה, זעהט מען אז אין יעדע זאך, זענען דא פשטים טיפער און טיפער.

**נאכדעם** האט משה רבינו געלערנט מיט די יודן תורה שבכתב, און תורה שבעל פה אויך, די תורה שבעל פה איז נאך העכער. ס'ווערט געברענגט, אז די תורה שבכתב, וויבאלד מ'האט עס אויף די אבנים אויפגעשריבן, בשבעים לשון (דברים כז ח), האבן די אומות געהאט עפעס אן אחיזה אין דעם, זיי האבן דאס אויך אויפגעכאפט, זיי האבן עס נישט פארשטאנען, אבער עפעס האבן זיי געכאפט, אבער תורה שבעל פה, האט מען דאך נישט געשריבן לעולם, נאר שפעטער, אזוי ווי די דורות זענען שוואך געווארן, האט מען מתיר געווען צו שרייבן, אבער באמת הייסט עס תורת הנסתר, עס איז פארהוילן פון די אומות, אין דעם האבן זיי נישט קיין אחיזה, דאס איז מיוחד נאר פאר יודן (עי' תנחומא נח ג), די ספרים הק' ברענגן עס צו, זיי זענען דאס מסביר, אז אפילו מ'האט עס שוין געמוזט שרייבן, איז עס א העכערע זאך, ס'איז נאר פאר יודן.

- **ב** -

**על** כל פנים, וואס זעהט מען פון די אלע זאכן, אז אונז האב מיר נישט קיין השגה אין די כח פון די תורה, און אין די כח פון משה רבינו, איז ער דען געווען א מענטש, משה רבינו, ס'שטייט דאך וייראו מגשת אליו, יודן האבן זיך געפארכט צוצוגיין צו אים, ווען ער האט ארויפגעלייגט א מסוה, האט מען געקענט צוגיין, אבער אז מ'האט געזעהן די צורה, איז דער פחד געווען זייער גרויס. ביים ים שטייט וייראו העם את ה' ויאמינו בה' ובמשה עבדו, שטייט יראה האבן זיי געהאט פונעם אייבערשטן, אמונה האבן זיי געהאט אין משה אויך, שפעטער איז די יראה פון משה אויך געווען אזוי ווי די יראת ה', אזוי דארף דאך צו זיין מורא רבך כמורא שמים.

**דער** ראפשיצער רב זי"ע טייטשט (זרע קודש בראשית), איך קען עס נישט נאכזאגן פונקטליך, מ'ברויך נאכצוקוקן אינעם ספר אליין, לכל היד החזקה ולכל המורא הגדול אשר עשה משה לעיני כל ישראל, לכל המורא הגדול איז טייטש, יודן האבן געהאט א מורא זיי זאלן נישט קוקן ווי מ'טאר נישט, אשר עשה משה, משה רבינו האט דאס געמאכט, לעיני כל ישראל, פאר די אויגן פון די יודן, ער האט מקדש געווען זייערע אויגן, זיי זאלן מורא האבן צו קוקן. שטייט נאכדעם בראשית, דאס איז די ערשטע זאך, די ראיה, איה הקדשה היא בעינים, די ערשטע זאך הייבט זיך אן מיט קדושת עינים. דאס איז געווען דער גרויסער כח פון משה רבינו, ער האט מקדש געווען די עיני ישראל, און די עיני שכל אויך, איז אויך נכלל אין דעם, קען זיין, דאס זאגט ער שוין נישט, אבער עינים מיינט דאך עיני שכל אויך, די מחשבה איז דאך דער שורש פון אלעם, האט ער דאס אויך מקדש געווען.

**נאך** זאגט ער דארט, די תורה ענדיגט זיך מיט א למ"ד און הייבט זיך אן מיט א בי"ת, דאס איז אותיות לב, דאס איז מרמז, אז אויך דאס הארץ פון יודן האט ער מקדש געווען, זיי זאלן האבן א ריינע הארץ, דאס איז אויך עשה משה, ער האט אריינגעלייגט אין יודן, טהרת הלב, טהרת המחשבה.

**און** אזוי ווי ער האט דעמאלטס געפירט די יודן, ער איז געווען דער רעיא מהימנא, אזוי איז ער היינט אויך, ער נעמט זיך כסדר אן פאר כלל ישראל, ס'שטייט אין דגל די מעשה (ליקוטים), וואס ער האט געהערט פון זיידן, פון בעל שם טוב הק', אמאל מוצאי ראש השנה האט ער פארציילט, ווי אזוי ס'איז געווען אויבן דער משפט היינט, ס'זענען געזעצן דארט די אבות הק' אברהם יצחק ויעקב, משה איז אויך דארט געווען, ער איז געווען דער סרסור, ער האט געברענגט און געטראגן די זכותים, פון דא אהער פון דארט אהין, און ער האט געמאכט מיט פארשידענע קונצן, אז די מקטרגים זאלן נישט קענען צוקומען, אין דגל שטייט עס. זעהט מען וואס דאס איז דער כח פון משה רבינו, ער איז ווייטער מגין אויף כלל ישראל, און ער באגלייט יעדן יוד, יעדער יוד האט אין זיך דעם כח פון משה, אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא. און דער כח הענוה וואס א יוד האט אין זיך, קומט אויך פון משה רבינו, ער איז דער שורש פון ענוה.

**און** לעתיד לבוא וועט משה רבינו ווייטער קומען לערנען מיט יודן, ווי דער רבי ר' אלימלך זי"ע זאגט אין פרשת האזינו, האזינו השמים ואדברה, שטייט ואדברה א לשון עתיד, משה רבינו זאגט, אז לעתיד לבוא וועל איך נאכאמאל קומען, און לערנען מיט יודן די פנימיות התורה, ותשמע הארץ אמרי פי, ווען ס'וועט קומען די גאולה שלימה, וועט עס זיין. די טייטש קען יעדער זאגן, אז רבי ר' אלימלך זאגט עס, הייסט

דאס אז ס'וועט אזוי זיין, אויף א הויכע מדרגה וועט ער לערנען דעמאלטס די יודן, די פנימיות התורה. משיח אליין וועט זיין א ניצוץ פון משה רבינו.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מ'זאל מיר אלע געהאלפן ווערן בזכותו של משה, מ'זאל זיך קענען פירן מיט די קדושה וואס משה רבינו האט אריינגעלייגט אין אונז, און מ'זאל מיר קענען לערנען די תורה מיטן כח פון משה, זכרו תורת משה, און מ'זאל זיך קענען פירן מיט די מדה פון ענוה וואס קומט פון משה. און משה איז די מדה פון נצח, ער האט מנצח געווען, זיך געשטארקט, לנצח על מלאכת בית ה', משה איז נצח און אהרן איז הוד, נצח והוד מהם נמצאים, שטייט אין א'ל מסתתר, וכל בניך למודי ה', מיט זייער כח זענען מיר למודי ה', קענען מיר לערנען די תורה פונעם אייבערשטן, יעצט, און שפעטער וועט מען לערנען פון אייבערשטן אליין, ווי ס'שטייט אין פרשת בלק, כעת יאמר ליעקב ולישראל מה פעל א'ל, זאגט רש"י הק', ס'וועט קומען א צייט וואס יודן וועלן זיצן און לערנען די תורה מפי הקב"ה, און די מלאכים וועלן פרעגן די יודן, מה פעל א'ל, וואס טוט כביכול דער אייבערשטער. אלעס וואס מ'לערנט איצט די תורה, איז א הכנה צו דעם, צו די תורה וואס מ'וועט לערנען ווען משיח וועט קומען, דעמאלטס וועט די נסתר ווערן נגלה, און נאך טיפער פון דעם וועט זיין די נסתר, זאל מען זוכה דערצו במהרה בימינו, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ו)

---

## אושפיזא דיוסף בסעודת הלילה

### - א -

**ס'איז** דא משיח בן יוסף און משיח בן דוד, קודם דארף קומען משיח בן יוסף, ער וועט מחזיר בתשובה זיין אלע יודן, נאכדעם וועט קומען משיח בן דוד. משיח בן דוד איז דער מלך, מלך המשיח, און יוסף הצדיק איז אויך א מלך, ויוסף הוא השליט על הארץ הוא המשביר לכל עם הארץ, יוסף איז מדת יסוד, און דוד איז מדת מלכות, ביידע צוזאמען ברענגען אראפ די שפע, זיי שפייזן די וועלט.

**זאלן** מיר זוכה זיין בזכות בעל האושפיזא, אז ס'זאל קומען אסאך שפע אויף יודן, יוסף איז א לשון פון פארמערן, יוסף ה' עליכם, ס'זאל נתרבה ווערן די שפע און ברכה ביי יודן. און ווען רחל האט אים געגעבן דעם נאמען, האט זי געזאגט יוסף ה' לי בן אחר, בזכות פון יוסף זאל קומען בן אחר, קומט אויס אז בזכותו של יוסף קומט בני אויך, און חיי און מזוני און אלע ישועות. די גרעסטע ישועה פון כלל ישראל, דער נס פון קריעת ים סוף איז געקומען בזכותו של יוסף, הים ראה וינס, ארונו של יוסף ראה.

**זאל** מען מיטן כח פונעם בעל האושפיזא, געהאלפן ווערן מיט אלע ישועות, אין זכות פון זיין מדה, די מדה פון שמירת היסוד, דאס דארף יעדער אליין טאן, יעדער האט א כח צו טאן אין דעם, מוסיף צו זיין אלץ נאך און נאך שמירה, נישט פוגם צו זיין בברית קודש, ברית הלשון און ברית המעור, אין דעם זכות וועט משיח קומען, קודם משיח בן יוסף און נאכדעם משיח בן דוד. ס'שטייט אין תהלים דאס לשון (עז טז) גאלת בזרוע עמך בני יעקב ויוסף סלה, ווען דוד המלך רעדט פון די גאולה, רופט ער אן כלל ישראל בני יעקב ויוסף, ווייל די גאולה וועט קומען אין זכות פון יוסף.

**און** אין די טעג לייגען מיר די פסוקים, ווי אזוי משה רבינו האט געבענטשט שבט יוסף, וליוסף אמר מבורכת ה' ארצו ממגד שמים מטל ומתהום רובצת תחת, בכור שורו הדר לו וקרני ראם קרניו, בהם עמים ינגח, אפרים ומנשה וועלן שטויסן די פעלקער, יחדיו אפסי ארץ. מוצאי שבת זאגט מען אויך די ברכות, דארט זאגט מען די פסוקים וואס יעקב האט געזאגט, ברכות שמים מעל, ברכות תהום רובצת תחת, ברכות שדים ורחם, ברכות אביך גברו על ברכות הורי עד תאות גבעות עולם תהיין לראש יוסף ולקדקד נזיר אחיו.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, דאס אלעס זאל שוין מקוים ווערן, יודן זאלן געהאלפן ווערן מיט אסאך שפע, שפע קדושה, אפילו מ'איז נישט ווערט, זאל דער אייבערשטער געבן פרנסה און אלעס גוטס, די יאר זאל זיין א שנת פרנסה טובה. ווי דער בעש"ט הק' זאגט, א־ל נקמות ה', ווען דער מענטש זינדיגט חלילה, איז דער אייבערשטער זיך נוקם, אז ער גיט אים אסאך שפע, ווען מ'גיט פאר איינעם א זאך, און ער איז עס נישט ווערט, ווערט ער פון דעם זייער פארשעמט, ער ווערט אינגאנצן באנומען, דורכדעם איז ער חוזר בתשובה, זאגט דער פסוק א־ל נקמות ה', אל איז א שם פון חסד, און הוי"ה איז אויך א שם פון חסד, ווען דער אייבערשטער גיט חסד, איז דאס אזוי ווי א נקמה, דאס טוט אויפוועקן צו תשובה, צו תשובה מתוך שמחה.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן מיט דעם כח פון די שפע פון יוסף, זאל מען קענען טון תשובה שלימה, מתקן זיין יסוד יוסף, און אלע מדות, מ'זאל האבן מיט זיך די כחות פון די אבות און די שבטים און אלע שבעה רועים, אברהם יצחק יעקב משה אהרן יוסף דוד, די אושפיזין עילאין זאלן זיין מיט אונז, זיי זאלן אונז בענטשן, לייכטן און שיינען אויף אונז, ס'זאל נשפע ווערן שפע רב, אלעס וואס א יוד ברויך צו האבן, זאל דער אייבערשטער באשערן ער זאל עס קענען האבן, מ'זאל האבן ברייט פרנסה, און מ'זאל קענען מגדל זיין די קינדער, און זיי פירן אונטער די חופה.

- ב -

**און** אזוי ווי יוסף הצדיק איז געווען דער גרויסער בעל בטחון, אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו, זה יוסף (ב"ר פט ג), זאל מען אין זיין זכות זוכה זיין צו לעבן אויף דער וועלט מיט גרויס בטחון אינעם היילינגן באשעפער, א יוד דארף זיין בשמחה, גיין מיט א זיכערקייט, זיין מובטח אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן, אים געבן וואס ער דארף. ס'איז דאך זמן שמחתנו, ושמחת בחגך והיית אך שמח, ביי אלע ימים טובים איז דא די מצוה פון שמחה, אלע הייסן חגך, חג המצות, חג השבועות, אבער סתם חג מיינט מען סוכות, ווי די משנה זאגט דאס לשון, בחג נדונין על המים, איז אום סוכות עקסטער דא די מצוה פון שמחה, ושמחת בחגך גייט ארויף עקסטער אויף סוכות.

**און** דער תיקוני זוה"ק (נח.) זאגט, אז די שכינה ווערט אנגערופן חג, ושמחת בחגך, זאלסט דיך פרייען מיט די שכינה, אין די שלש רגלים האט מען עולה רגל געווען, לראות את פני האדון ה', מ'האט זיך געפריידט מיט דעם אז מ'האט געזעהן די שכינה. דאס קען מען אין גלות אויך מקיים זיין, ווייל יעדן יום טוב שיינט דער אור השכינה, און אין די סוכה רועט דאך מער די שכינה, סוכה איז א לשון נסיכות, הערשן, דאס איז די מדת המלכות, די שכינה, בואי כלה נסוכה, די כלה, זי איז די קעניגן, די מטרוניתא, ברויך מען זיך פרייען מיט דעם, מיט די שכינה וואס רועט אין די סוכה, דאס טייטש ושמחת בחגך.

**און** והיית אך שמח האב איך געזאגט פשט, א"ך איז בגימטריא אהי"ה, אהי"ה איז טייטש איך וועל זיין, דער שם אהי"ה האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, אהי"ה אשר אהי"ה, איך וועל זיין מיט ענק, איך וועל ענק קיינמאל נישט פארלאזן, זאגט דער פסוק ושמחת בחגך, נישט נאר יום טוב, נאר והיית אך שמח, אהי"ה שמח, זאלסט נאכדעם אויך זיין בשמחה, די שמחה פון סוכות איז נאר די הכנה, יעצט הייבט זיך עס אן, מ'דארף עס ממשיך זיין אויף א גאנץ יאר.

**כאטש** שמחה אליין איז נישט גענוג, א מענטש דארף האבן אנדערע מדות אויך, ער ברויך האבן די מדה פון יראה, און אנדערע מדות טובות, אבער די מדת השמחה דארף אלץ בלייבן, אלץ דארף די שמחה מיטגיין. דאס איז דער שליסל, דאס איז די שמירה, די מצות וואס מ'טוט זאלן האבן א קיום, די חיצונים זאלן עס נישט צונעמען. אזוי זאגט רבי ר' משה לייב מסאסוב זי"ע (ליקוטי רמ"ל בראשית), אז א מענטש האט א פארמעגן, און ער האט נישט קיין שלאס, קען מען עס גנב'נען, מ'קען צונעמען די שפע חלילה, שמחה איז די שמירה אויף אלע מדות, אויף אלע כחות פונעם מענטש, מ'זאל עס נישט קענען צונעמען.

**און** די גמרא זאגט, אין עומדין להתפלל אלא מתוך שמחה של מצוה, דורך שמחה קען מען זיך שטעלן דאווענען. און מיט דעם קען מען עפענען די טויערן, און אלעס אויסבעטן, ווי רבי ר' מאיר'ל מפרימישלאן זי"ע האט געטייטשט, עבדו את ה' בשמחה, אויב מ'דינט דעם אייבערשטן מיט שמחה, בואו לפניו ברננה, קען מען קומען צום אייבערשטן מיט נא, נא, מ'זאגט נאר א ווארט, נאָ, נאָ, קען מען שוין געהאלפן ווערן, מ'ברויך נאר צו בעטן, הושע נא, ווערט מען שוין געהאלפן.

**זאל** מען זוכה זיין, ס'זאל זיין א גאנץ יאר אך שמח, יודן זאלן מאכן שמחות ביי די קינדער, און מ'זאל קענען לערנען די תורה מתוך שמחה, ביי די שמונה עשרה פון יום טוב זאגט מען, ושמח נפשנו בישועתך וטהר לבנו לעבדך באמת, אז מ'איז בשמחה האט מען טהרת הלב, און אז ס'איז דא טהרה זענען דא אלע ברכות, ברכם טהרם, און טהרה איז טייטש דעת, ודעת זו טהרות, דורך טהרה איז מען זוכה צו דעת, ס'זאל זיין למען דעת כל עמי הארץ, למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"ה)

- ג -

## אושפיזא דיוסף בסעודת היום

בעת אשר שוררו את הפסוק: כה אמר ה' זכרתי לך חסד נעוריך, הפסיק רבינו זי"ע את השירה ואמר:

**פשוט** איז טייטש זכרתי לך, איך געדענק וואס איז געווען דעמאלטס, אבער מ'ווייסט דאך דער כלל, אז וואו ס'שטייט דאס לשון זכירה, איז עס טייטש, אז ס'ווערט ווייטער נשפע דער כח, זכר איז א לשון השפעה, אלץ ווען ס'שטייט דער לשון פון זכרון, זכרנו לטובה, זכרנו בזכרון טוב לפניך, מיינט דאס אז ס'זאל ווייטער נשפע ווערן דער כח. און ווי צדיקים טייטשן, זכר עשה לנפלאותיו, דער אייבערשטער האט געמאכט א השפעה צו זיינע וואונדער, יעדער נס וואס איז געשעהן אמאל, האט א השפעה, ס'זאל נאכאמאל קענען געשעהן, דער ים האט זיך געשפאלטן, קען מען דאס אלץ ממשיך זיין, ווען מ'דערמאנט דאס, ווערט נאכאמאל נשפע דער כח, מ'זאל ווייטער קענען שפאלטן אלע ימים, דאס טייטש זכר, די השפעה, עשה לנפלאותיו.

**דאס** זאל מען אינזין האבן ווען מ'זינגט זכרתי לך, נישט סתם אז דער אייבערשטער געדענקט וואס איז געווען דעמאלטס, דאס אליין, צו וואס דארף מען דאס זאגן, דער אייבערשטער קען דען פארגעסן, נאר דער אייבערשטער זאגט זכרתי לך, איך בין דיר ווייטער משפיע דעם כח, דער שכר פאר דעם חסד נעוריך, אהבת כלולותיך. אונז ברויך מיר דאך פארשידענע ישועות פון אלע זייטן, מיט דעם כח וואס ס'איז געווען דעמאלטס, מיט דעם כח האמונה וואס מ'האט דעמאלטס געהאט, קען מען היינט אויך

ממשיך זיין א ישועה, פון דעם חסד נעוריך וואס איז געווען דעמאלטס, קען מען היינט אויך האבן אלע ישועות.

**און** דער כח האמונה אליין, וואס יודן האבן דעמאלטס געהאט, איז דער אייבערשטער משפיע, מ'זאל עס היינט אויך קענען האבן, דאס טייטש אויך זכרתי לך חסד נעוריך, לכתך אחרי במדבר, די אמונה וואס דו האסט געהאט דעמאלטס, בין איך דיר משפיע היינט אויך, דער אייבערשטער גיט אונז די אמונה, וּרְעֵה אמונה, ער שפייזט אונז מיט אמונה. און ווי ס'שטייט ביי אברהם אבינו, והאמין בה' ויחשבה לו צדקה, טייטשן צדיקים, ויחשבה לו צדקה, אז אברהם אבינו האט געהאלטן אז די אמונה וואס ער האט געהאט, איז א צדקה פון אייבערשטן, נישט מיט זיין אייגענעם כח האט ער זוכה געווען דערצו, נאר דער אייבערשטער האט עס אים געגעבן.

**ממילא** דאס וואס איז געווען דעמאלטס לכתך אחרי במדבר, איז היינט אויך דא, היינט גייט מען דאך אויך אין א מדבר, ווילאנג דער בית המקדש איז חרוב, הייסט אלעס ווי א מדבר, אלעס איז א מדבר שממה, האט מען ווייטער דעם כח, פון דעם וואס איז געווען דעמאלטס, מ'זאל ווייטער קענען גיין מיט אמונה.

**און** ממילא אז מ'האט אמונה, ווערן נשפע אלע השפעות, אז מ'גיט זיך איבער צום אייבערשטן, האט מען אלעס, איז מען רייך, מ'קען לערנען און דאווענען, טון מצות און מעשים טובים, און זיין רואיג, דער אייבערשטער וועט אלעס געבן, דער מענטש זארגט זיך, פון וואו וועט ער האבן פרנסה, דער אייבערשטער וועט אלעס געבן, אז מ'געהער דעם אייבערשטנס, וועט מען אלעס האבן, אפילו מ'ווייסט נישט ווי אזוי. ווי ס'שטייט פון בעל שם טוב הק' דאס ווארט, אויפן פסוק (ירמיה יז ז) ברוך הגבר אשר יבטח בה', וואס זאגט ער נאך צו, והיה ה' מבטחו. זאגט ער פשט אזוי, ביי יעדע זאך איז דא א בוטח, דער וואס פארזיכערט זיך, נאכדעם איז דא א מבטיח, דער וואס פארזיכערט, און נאכדעם איז דא דער מובטח, דאס הייסט דער מיטל אין וואס מען פארזיכערט זיך, וואס דורך דעם וועט עס קומען. דער מענטש איז דער בוטח, דער אייבערשטער איז דער מבטיח, אבער אויף דעם מיטל, קען דער מענטש האבן א חשבון, פון וואו די ישועה וועט קומען, ער בויעט עס אויס, ווי אזוי ס'זאל זיין. זאגט דער פסוק, והיה ה' מבטחו, נישט נאר ער גלייבט אז דער באשעפער וועט אים העלפן, נאר ווי אזוי ס'זאל זיין, ווי אזוי ס'זאל קומען די ישועה, דורך וואס ס'זאל זיין, איז אויך דער אייבערשטער, והיה ה' מבטחו, דער אייבערשטער איז דער מיטל אויך. ווי דוד המלך זאגט, מאין יבוא עזרי, איך ווייס נישט, איך האב קיין שום השגה נישט ווי אזוי ס'קען קומען די ישועה, נאר עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ.

**זאל** מען ווייטער זינגן דעם אייגענעם ניגון, כה אמר ה', נאר מ'זאל גערענקן, מ'זאל אינזין האבן, אז נישט נאר דעמאלטס איז עס געווען, נאר דער אייבערשטער זאגט, דו וועסט ווייטער האבן די זאך, די השפעה, איך וועל דיר געבן דעם כח. מ'שרייט געוואלד לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה, מ'האט גארנישט געהאט, מ'האט היינט אויך גארנישט, נאר דעם באשעפער, דאס זאל מען אינזין האבן, פארוואס איז א מענטש ברוגז אויף א צווייטן, ווייל ס'דאכט זיך אים אז ס'פעלט אים עפעס, דער האט אים געברויכט צו געבן, אדער איז ער מקנא יענעם. אז דער מענטש האט אבער אמונה, אָהרט אים גארנישט, דער באשעפער האט דאך אלעס, דער באשעפער וועט אונז געבן, ער וועט אונז נישט פארלאזן, זענען מיר די רייכסטע אויף דער וועלט, ס'פעלט אונז גארנישט, מ'זיצט בצלו של הקב"ה, דער צל סוכה, צילא דמהימנותא, און מיר זענען פארזיכערט נאר אין אים. (תשנ"ה)

---

## שבת חול המועד בעת סעודה שלישית

### - א -

**ביי** מנחה האבן מיר געליינט היינט, **ויהי בישורון מלך בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל**. דער אייבערשטער איז דער מלך איבער די יודן, ווען בהתאסף ראשי עם, ווען די ראשי עם נעמען צוזאם יחד שבטי ישראל, זיי לערנען די יודן, זיי האלטן זיי צוזאם, און יודן האלטן זיך אינאיינעם מיט זיי, מיט די ראשי עם, מיט די צדיקים, דאס שטעלט אוועק די מלוכה פונעם אייבערשטן.

**דאס** איז א חלק פון די מצות האמונה, מצות אמונה איז דאך די ערשטע מצוה, וואס יודן האבן געהערט פון אייבערשטן אליין, אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענו, אנכי איז טייטש, מ'דארף גלייבן אז דער באשעפער איז, ולא יהיה לך, און אן אנדערער נישט, ס'איז נישטא קיין אנדערע כח, און אין די צוויי מצות זענען נכלל אלע מצות התורה, דאס איז דער שורש פון די גאנצע תורה. ממילא וואלט לעולם יעדער געקענט גרינג האבן אמונה, ווייל מ'זעמער דאך אלע געווען ביים בארג סיני, מ'האב מיר עס אלע אליין געהערט, ס'איז אבער דא א יצר וואס פארלייגט זיך אויף דעם, דער עיקר געוויכט לייגט דער יצר אויף דעם ענין פון אמונה, ווייל דאס איז דער שורש, אז ער האט דאס, האט ער אלעם חלילה. דארף מען אויף דעם אסאך התחזקות. יעדער האט טאקע אמונה, ס'ווענדט זיך אבער ווי ווייט, דער מענטש זאגט אז ער גלייבט, און א מינוט דערנאך האט ער טענות אויף א מענטש, איז דאך זיין אמונה נישט בשלימות, מ'דארף האבן אמונה שלימה, נישט א האלבע אמונה, דאס איז נישט אזא גרינגע זאך.

**ממילא** כדי מ'זאל קענען צו דעם צוקומען, האט דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון אמונת צדיקים, ביי מתן תורה האט דער אייבערשטער שוין געזאגט, וגם בך יאמינו לעולם, כדי צו האבן אמונת ה', מוז מען האבן אמונה אינעם צדיק, און ווי ס'שטייט ביי קריעת ים סוף, ויאמינו בה' ובמשה עבדו, וואס הייסט בה' ובמשה עבדו, זיי האבן געגלייבט אין צוויי זאכן חלילה, אין שיתוף, אין שתי רשויות חלילה, נאר ס'שטייט נישט ויאמינו בה' ובמשה, נאר ובמשה עבדו, מכח דעם ווייל ער איז אן עבד פונעם אייבערשטן, פארדעם ברויך מען צו גלייבן אין א צדיק, אין א גוטן יוד, ווייל ער איז א שליח פונעם אייבערשטן, נישט אז ער מיינט חלילה זיך, די אמונה אינעם צדיק איז א מיטל, מ'זאל דורך דעם נתקרב ווערן צום אייבערשטן.

**אזוי** ווי להבדיל אלף הבדלות, ביי א מדינה, ווען ס'זאל זיין נאר דער מלך אליין, ער זאל אליין פירן די גאנצע מדינה, וועט דאך נישט זיין קיין ארדענונג, ס'וועלן זיך צוזאמלויפן מענטשן, דער מלך מוז שטעלן מושלים און שרים, וואס האלטן ארדענונג, מ'דארף זיין אונטערגעווארפן אונטער זיי, אזוי קען דער מלך זיין א מלך, און אזוי קען זיך האלטן די גאנצע מדינה. אזוי להבדיל ביי יודישקייט אויך, אודאי דער באשעפער איז מלך, הוא אחד ואין זולתו, און ער האט געגעבן די תורה, די תרי"ג מצות, אבער ווי אזוי קען יעדער יוד צוקומען צום מלך, און פון וואנדט זאל ער וויסן וואס די תורה הייסט, יעדער מענטש קען טאקע לערנען די תורה, אבער נאר לויט זיין שכל, זיין שכל איז דאך נישט אויסגעארבעט געווג, ער זאל וויסן דעם אמת פון די תורה. אז ער האט אבער א מנהיג וואס לערנט אים, א רבי וואס איז אן עבד ה', א שליח פון אייבערשטן, ער זאגט אים די תורה הייסט אזוי, אזוי ברויך מען זיך צופירן, קען ער דורך דעם צוקומען צום אייבערשטן, דער רבוש"ע האט געשטעלט צדיקים, מנהיגים, נביאים, מ'זאל זיי פאלגן, דורך זיי קען מען האלטן די תורה.

**פארדעם** איז דאס פון די עיקרי האמונה, אין די אני מאמין'ס שטייט, שכל דברי נביאים אמת, ווייל אן די כח פון נבואה קען מען נישט צוקומען צום אייבערשטן, מ'קען דאך נישט אנקומען יעדער צום מלך אליין, ס'מוז זיין א פארמיטלער. איי ס'איז נישטא היינט קיין נביא, דער כח פון נבואה איז אבער דא, וויפיל געפינען מיר וועגן דעם, ס'שטייט פון בעש"ט הק', אין כתר שם טוב (דף טו), אז דער מענטש האט אינזין צו דינען דעם אייבערשטן, און ס'פאלט אים איין א מחשבה אז מ'דארף אזוי צו טון, איז עס א נבואה, א רוח הקודש. דאס קען מען פרובירן, אפילו סתם מענטשן קענען עס אויך זעהן, אז מ'איז דבוק צום אייבערשטן, און ס'קומט אריין א מחשבה, איז א סימן אז ס'איז א אמת'דיגע זאך. ממילא די צדיקים וואס זענען דבוק צום אייבערשטן, וואס

האבן זיך אויסגעארבעט, זיי האבן א בחינה פון נבואה, א השגה של אמת אין עבודת ה', אז מ'פאלגט און מ'גלייבט אין זיי, קומט מען פון דעם צו אמונת ה'.

- ב -

**איך** האב שוין נאכגעזאגט, די גמרא זאגט אין סנהדרין (קז:), ס'איז שפעט, ס'איז נישטא קיין צייט נאכצוזאגן די גאנצע זאך, בקיצור ברענגט דארט די גמרא, אז אלישע הנביא איז געקומען מתקן זיין גחזי, נאך וואס גחזי איז פארפארן זייער, ער האט פארשידענע עבירות געטאן, ביטערע עבירות, די זאך האט זיך אנגעהויבן ווייל ער האט נישט געהאט קיין אמונה אין אלישע, ער איז אראפגעפאלן פון די אמונה, פון דעם איז ער געקומען צו אלע עבירות (עי' מלכים ב ה), זאגט די גמרא דארט, אלישע איז געגאנגען קיין דמשק, צוריק צו ברענגן גחזי, אים מחזיר זיין בתשובה, איז ער געקומען צו אים, ער האט אים געזאגט חזור בך, טו תשובה, האט גחזי געזאגט, האסט מיר דאך געלערנט, החוטא ומחטיא את הרבים אין מספיקין בידו לעשות תשובה, איז אלישע אוועקגעגאנגען, ער האט אים אפגעלאזט. פרעגן די ספרים, ער וואלט דאך אים געקענט ענטפערן, אז אין מספיקין איז נישט טייטש אז ס'העלפט נישט קיין תשובה, נאר מ'גיט אים נישט קיין תשובה, מ'פירט עס אים נישט צו, אבער אז דער מענטש פלאגט זיך אליין, קען ער תשובה טון, פארוואס האט ער אים דאס נישט מסביר געווען.

**זאגן** די ספרים, ס'העלפט נישט מסביר זיין, אלע עבירות האבן זיך דאך אנגעהויבן ווייל ער האט נישט געגלייבט אין אלישע, יעדער חטא הייבט זיך אן פונעם ערשטן חטא, ווי מ'זאגט ביי סליחות, מעביר ראשון ראשון, דער אייבערשטער זאל אוועקנעמען דעם ערשטן חטא וואס האט געברענגט די אנדערע חטאים. זיין ערשטער חטא איז געווען, אז ער האט נישט געהאט קיין אמונה אין אלישע, יעצט ווען אלישע זאגט אים חזור בך, זאגט ער אים דאך אז ס'העלפט תשובה, וואס פרעגסטו קשיות, האסט דאך מיר געלערנט, גלייבט ער דאך ווייטער נישט, ווען ער גלייבט וועהן, וואלט ער זיך דאך צוגעכאפט צו די געלעגענהייט, זיין רבי קומט צו אים, ער זאגט אים חזור בך, וואלט ער געדארפט לויפן תשובה טון. אלא מאי ער האלט נאך אלץ נישט דערביי, ער גלייבט נאך אלץ נישט, איז גארנישט ווערד אז ער וועט אים מסביר זיין, אז דער מענטש וויל נישט גלייבן, העלפט גארנישט, אויף יעדע זאך האט ער הונדערטער קשיות, דאס גלייבט ער יא, דאס גלייבט ער נישט, האט ער אים איבערגעלאזט, אזוי וועט מען נישט אנקומען אין ערגעץ.

**פארדעם** האבן תלמידי בעל שם איינגעפירט, מ'זאל זיין בטל צו א צדיק, ווייל א מענטש אליין האט א שוואכע השגה אין תורה, א שוואכע השגה אין אמונת

ה׳, אז ער האט וועהן א השגה אין אמונה, ער גלייבט וועהן ריכטיג אין השגחה פרטית, וואלט ער דאך קיינמאל נישט געברויכט זיך אויפצורעגן, ער וואלט קיינמאל נישט געברויכט זיך אפצורעדן, צו זיין צוגעלייגט, אז ער גלייבט אז דער באשעפער פירט אלעס, ער איז דער מלך, ווי קען ער האבן א טענה אויף א מענטש, איז דאך א סימן אז די אמונה איז שוואך.

**אז** מ׳האלט זיך אבער נאנט צו א צדיק, דער מענטש ווי קליין ער איז, אז ער קומט, ער איז זיך שואל עצה, ער פרעגט, ער רעדט זיך דורך, נעמט ער מיט דעם אריין אין זיך די אמונה אינעם אייבערשטן. דער תלמיד האלט זיך נאנט צום רבין, און דער רבי צום תלמיד, ומקבלין דין מן דין, דער תלמיד איז מחכים את רבו אויך, יעדער וואס איז משפיע, וואס גיט איבער תורה, איז מקבל פונעם תלמיד אויך, איינער איז משפיע פארן אנדערן. און ס׳דארף זיין א שטארקע אהבה פון איינעם צום אנדערן, מיט אהבה קען מען דאס מאכן, נישט מיט ווילדקייט, אז מ׳איז ווילד קען מען נישט דורכפירן קיין זאך, נאר מיט אהבה קען דער משפיע איבערגעבן, און דער מקבל קען עס איבערנעמען, אזוי ווערט געשטארקט די תורה און דאס יודישקייט, דאס הייבט אויף די השגה פון יודן, זיי זאלן וויסן ווי אזוי מ׳דארף מקיים זיין א מצוה, און ווי אזוי מ׳דארף זיך פירן ביי יעדע זאך, דאס היט מ׳זאל נישט פורץ גדר זיין, און מ׳זאל פאררעכטן וואס מ׳דארף פאררעכטן.

**איבערדעם** זאגט דער פסוק, ויהי בישורון מלך, ווי אזוי איז דער אייבערשטער א מלך ביי יודן, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, ווען די ראשי עם נעמען צוזאמען די שבטי ישראל, און די שבטי ישראל האלטן זיך מיט די ראשי עם, יודן האלטן זיך שטארק אינאיינעם מיט די צדיקים, מיט די מנהיגים, קען דער אייבערשטער זיין בישורון מלך, קענען יודן אנערקענען דעם אייבערשטן, קען מען צוקומען צו אמונה שלימה. יודן ווערן אנגערופן מיט דריי נעמען, יעקב ישראל און ישורון, ישורון איז די גרעסטע מדרגה, ווען יודן גייען בדרך הישר, הייסן זיי ישורון. זאגט דער פסוק ויהי בישורון מלך, ווען זענען זיי אין די מדרגה פון ישורון, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל.

- ג -

**ממילא** יעצט ווען מ׳זיצט אין די סוכה, איז די צייט זיך אויפצוועקן אויף דעם, יעצט איז די צייט אריינצופלאנצן אין זיך אמונת ה׳. ראש השנה איז אריינגעקומען א נייע שפע, דאס הייסט א נייע השגה אין תורה, א נייע השגה אין יודישקייט, אין אמונת ה׳, וואס ס׳איז געווען איז געווען, מ׳טוט תשובה אויף דאס אלטע, און מ׳הייבט אן פון

דאסניי. אין אמת'ן קומט יעדן טאג אריין א נייע השגה אין תורה, אשר אנכי מצוך היום, בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, און יעדע רגע קומט א נייע שפע, די שפע אלקי קומט דאך אן א אויפהער, ס'איז בלתי סוף, ווי מ'זאגט די ברכה, יוצר אור ובורא חושך א לשון הווה, נישט יצר אור וברא חושך, ווייל יעדע רגע קומט עס ניי. ס'זענען אבער דא דרגות אין דעם, ווי מ'זאגט נאכדעם, ובטובו מחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית, ס'איז דא בכל יום, און ס'איז דא תמיד, ס'איז צוויי סארט השפעות, אין א נייע טאג קומט די שפע מיט מער התחדשות, און ווען ס'קומט א ניי יאר איז די השפעה נאך מער, ראש השנה קומט גאר א נייע שפע, א נייע השגה אין יודישקייט, מ'זאל בעסער פארשטיין און שפירן די אמונת ה'.

**זעצט** מען זיך נאכדעם אין די סוכה אריין, אזוי ווי פסח איז די מצה מיכלא דמהימנותא, אזוי איז די סוכה צילא דמהימנותא, ס'קומט צו שטארקן די אמונה אינעם מענטש, ער זאגט ער גלייבט ביז יעצט אויך, ווי גלייבט ער, וואס גלייבט ער, ער גלייבט אז ער ברויך זיך אויפצוערעגן, און אז ער דארף זיך יאגן ביים דאווענען, ווען ס'דאכט זיך אים, קען ער שוין נישט דאווענען געהעריג, קען ער שוין נישט טון וואס ער דארף, וואס הייסט ער גלייבט, אז ער האט אמונה, ווייסט ער דאך אז דאס דאווענען קומט פריער, דאס לערנען קומט פריער, אלא מאי איז די אמונה נאך זייער שוואך, זיצט מען אויף דעם אין די סוכה, בצילא דמהימנותא, מיט די אושפיזין, ארייגצופלאנצן די אמונה, ס'זאל ווערן געשטארקט, מ'זאל צוקומען צו א שטערקערע השגה אין יודישקייט.

**און** סוכה איז אויך א לשון פון הערשאפט, פון מלכות, ווי דער בני יששכר ברענגט (מאמר י ה) פון ר"ר פנחס'ל מקאריץ זי"ע, אז ס'איז פון די לשון נסיכי מדין, דאס ווייזט אז דורך די מצוה ווערט געשטארקט די הערשאפט, די מלוכה פון אייבערשטן, מ'זאל וויסן אז דער אייבערשטער איז דער מלך, און נישט עפעס אנדערש, ויהי בישורון מלך. און דאס ווארט סוכה איז דער יחוד פון די שמות הוי"ה און אדנ"י, די ערשטע און די לעצטע אות, ס"ה, איז בגימטריא אדנ"י, אדנ"י איז טייטש אדון הכל, דער אייבערשטער איז דער הער איבער אלעם, דאס איז די מדה פון מלכות. און די אינעווייניגסטע צוויי אותיות זענען כ"ו, דאס איז דער שם הוי"ה וואס איז באהאלטן אינעם שם אדנ"י, ווייל די מדת המלכות איז דער לבוש פארן שם הוי"ה, אז מ'איז מקבל עול מלכות שמים, קען מען צוקומען צום שם הוי"ה, צו זעהן דעם אייבערשטן. אויף דעם אלעם איז די מצות סוכה מסוגל, מ'זאל קענען מקבל זיין עול מלכות שמים, און שפירן דעם אייבערשטן. דאס איז א המשך צו די עבודה פון די ימים נוראים, ראש השנה איז דאך דאס די גאנצע עבודה, מ'שרייט אלין המלך, המלך, מ'איז מקבל

מלכותו יתברך, ה׳ אלקי ישראל מלך, ומלכותו בכל משלה, קומט די מצות סוכה שטארקן דאס וואס מ׳האט מקבל געווען ראש השנה.

**און** אז מ׳האט די מדת המלכות, האט מען אלע השפעות, אזוי שטייט אלץ אין די ספרים, אז די מדת המלכות ברענגט די שפע, זי איז מקבל די שפע פון די זעקס מדות, און זי טיילט עס איין, זי טוט עס מסדר זיין, און משפיע זיין אויף ווייטער, איבעראל, אין אלע עולמות איז עס אזוי, אין עולם האצילות, בריאה, יצירה, עשיה, אלעס גייט דורך מלכות, ס׳איז נישט פארהאנען אנדערש, נאר דורך מלכות.

**פארדעם** שריי איך אלץ געוואלד, אז דער עיקר יסוד פון א יוד איז יראת שמים, ווייל יראה איז דער שורש פון מלכות, יראת שמים איז טייטש, אז דער מענטש ווייסט ער ארבעט פארן מלך, מי לא ייראך מלך הגוים, ווען א מענטש ווייסט ער ארבעט פאר א מלך, קען ער דען זאגן, יעצט וועל איך ווייניגער ארבעטן, יעצט וועל איך ווייניגער לערנען, ווייניגער דאווענען, ס׳איז דאך מלכות, ער טרויעט זיך נישט צו רעדן א ווארט וואס איז נישט גוט, אדער יאגן דאס דאווענען, אדער נישט קומען אין צייט, מ׳ארבעט דאך פארן מלך, מ׳שטייט לפני המלך, קען מען דען זיין א מורד במלכות חלילה, דער אייבערשטער איז מלך גדול ונורא, ער איז נורא תהלות, המלך המרומם לבדו מאז.

**קומט** אויס אז יראה איז די מדת המלכות, פארדעם אז ס׳איז דא יראת שמים פעלט גארנישט, ווייל דורך די מלכות קומט די שפע פון אלע ספירות, אזוי ווי א מענטש עפענט א געשעפט וואס פון דארט קען ער אלעס האבן, אזוי אז מ׳האט די מדת היראה, האט מען געעפענט דעם צינור, ס׳זאלן קומען אלע השפעות. פארדעם שטייט, יראו את ה׳ קדושיו כי אין מחסור ליריאיו, אז ס׳איז דא יראה, פעלט גארנישט. און די גמרא זאגט, אין לו להקב״ה בעולמו אלא אוצר של יראת שמים בלבד, שנאמר יראת ה׳ היא אוצרו, אז ס׳איז דא יראת שמים, איז דא אן אוצר, דארט ליגט אלעס.

**היינט** איז געווען די אושפיזא פון יוסף הצדיק, איך זאג אלץ נאך, אין פרשת ויחי שטייט (מח טו) ויברך את יוסף, יעקב האט געבענטשט יוסף, זאגט דער מדרש (ב״ר צז ה), בשעה שבירך יעקב את יוסף יצא ופניו מצהילות, האבן די שבטים אים מקנא געווען, האט יעקב זיי געזאגט, יראו את ה׳ קדושיו אנא מספקא לכולהו. אויב ווילט עטץ אויך האבן די כח פון ברכה, ארבעטס אויף יראת שמים, וועט עטץ האבן די ברכה אזוי ווי יוסף, זיי זענען אלע געווען יראי ה׳, אבער נישט אויף די מדרגה פון יוסף, האט ער געזאגט, אלעס ווענדט זיך אין יראת ה׳, דעמאלטס קען מען געבן ברכות, דעמאלטס איז די שפע מסטרא דקדושה, פון די סטרא אחרא איז אן אנדערע

זאך, פון דעם רעדט מען דאך נישט, אמת'דיגע שפע קומט נאר מיט די כח פון מדת המלכות, וואס דאס איז יראת שמים.

- ד -

**וועלן** מיר גיין ווייטער, בענטשן און דאווענען, דערנאך וועט מען אי"ה לייענען משנה תורה, צעהן אזייגער, מ'גיי מיר אריין יעצט אין די מדה פון דוד, די מדת המלכות, זאל מען זיך נעמען דערצו יעדער איינער, יעדער יוד איז מקבל עול מלכות שמים יעדן טאג, ביי קריאת שמע של שחרית און קריאת שמע של ערבית, מען דארף זיך נאר האלטן דערצו א גאנצן טאג, מ'זאל נישט פארגעסן א רגע פון קבלת עול מלכות שמים, נישט טון נגד רצונו במחשבה דיבור ומעשה. און די תורה איז אויך מלכות, בפרט די תורה שבעל פה, ווי ס'שטייט אין פתח אליהו, מלכות פה תורה שבעל פה, יעדער יוד לערנט דאך תורה שבעל פה, מ'פארשטייט ב"ה לערנען. און בכלל יעדעסווארט וואס א יוד זאגט ארויס איז מלכות, מלכות פה, דער דיבור איז מלכות, א גאנצן טאג לעבט דאך א מענטש מיטן כח הדיבור, מ'זאגט צום באשעפער, מ'רעדט צום באשעפער, מ'לויבט דעם באשעפער, מ'בעהט דעם באשעפער, האט מען דאך די מדת המלכות, מ'דארף נאר גיין דערמיט שטענדיג.

**און** אז מיר וועלן זיין כלים מקבל צו זיין די שפע, וועט דער אייבערשטער אונז געבן אלעס, אסאך אסאך מער ווי מיר רעכענען, וועט דער באשעפער טאן מיט אונז חסד, ס'וועט זיין כי גבר עלינו חסדו, די חסד וועט קומען מיט א שטארקקייט, און ס'וועט נתעורר ווערן די זכות פון משיח בן דוד, דער שורש פון מדת המלכות, ס'זאל שוין קומען די גאולה שלימה במהרה, דעמאלטס וועט נתגלה ווערן כבוד מלכותו, אלע וועלן שרייען ה' הוא האלקים, והיה ה' למלך על כל הארץ, ס'וועט זיין ויהי בישורון מלך אויפן גרעסטן אופן, בהתאסף ראשי עם יחד שבטי ישראל, אלע יודן אינאיינעם וועלן מקבל זיין עול מלכות שמים.

**זאלן** מיר זוכה זיין דערצו במהרה, אין זכות פון מצות סוכה, ווי דער פסוק זאגט, כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים, ס'שטייט נישט כאשר הוצאתי אותם, נאר בהוציאי אותם, טייטשן צדיקים, ס'איז א לשון הווה, יעצט ווען יודן זיצן אין די סוכה, ציה איך זיי ארויס, יעדער יוד דורכן זיצן אין די סוכה, איז ער מעורר, דער אייבערשטער זאל אים ארויסציען פון מצרים, אלע גלות'ן זענען דאך גערופן על שם מצרים, פון מצרים איז מען טאקע ארויס, מ'איז אבער נאך אין גלות, אין א מיצר, דורך מצות סוכה גייט מען ארויס פונעם מיצר, מ'איז זוכה צו א גאולה פרטית, און דורך דעם וועט מען צוקומען מ'זאל אינגאנצן ארויסגיין פונעם מיצר, ביי די

גאולה כללית. ס'זאלן מקוים ווערן, די דריי פירושים וואס דער קאזניצער מגיד זי"ע האט געטייטשט אויף הושענא רבה, איין פשט הושענא רבה, דער גרויסער זאל העלפן, דער גרויסער באשעפער. נאך א פשט הושענא רבה, א גרויסע הילף זאל ער אונז העלפן. און הושענא רבה, דער גרויסער זאל געהאלפן ווערן, דער אייבערשטער אליין כביכול זאל ווערן געהאלפן, די שכינה זאל ארויסגיין פון גלות, ס'זאל זיין ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לה' המלוכה, והיה ה' למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשמ"ו)